STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05051

A HEYM FAR ALTE IZ NOYTIG UN MEGLIKH FAR'N ARBEYTER RING

Workmen's Circle (US)

Permanent preservation of this book was made possible by Drs. Stanley & Dorothy Pierce in honor of David Perlmutter

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א היים פאר אלטע איז נויטיג און מעגליך פאר'ן ארבייטער רינג

•

פאַרוואָס רעקאָמענדירט די אָלד אײדזש קאָמיטע פון אַ. ר. אַ היים פאַר אַלטע מיטגלידער?

פון

אָלד אײדזש קאָמיטע

די אָלד איידזש קאָמיטע באשטייט פון פאָלגענדע פריינד:

ר. גינסבורג, בר. 367, טשערמאן.
ד. אייבראהמס, בר. 225, וויס־טשערמאן.
מ. איוועוסקי, בר. 194, סעקרעטער.
פרענק סמיטה, בר. 4.
ל. גינסבורג, בר. 1.

און מיטגלידער פון דער עקזעקוטיוו קאָמיטע:

ר. גוסקין, יצחק הילמאן, י. עבעריל,
ב. קאַפּלאַן און מ. העסקעל.

איך בעט ניט קיינע פּאַלאַצען;
קיין לוקסוס, קיין בראָטען קיין וויין,
קיין באדינער מיט זילבערנע טאַצען;
איך וויל נאָר א ווינקעלע אַלם מיין...

באַשיידען איז מיין לעצטער געבעט,
א ווינקעל, אַ דאך, א טיש, אַ בעט;
אין מיינע לעצטע טעג וועט זיין מיין גליק
הערען א גוט וואָרט, האָבען א פריינדליכען בליק...

(ד. גינגאָלד, פון די גרינדער פון ארבייטער רינג)

אַ פּאָר קורצע באמערקונגען

פון זינט דער ארבייטער רינג האָט זיך געגרינדעט, האָבען זיינע גרינדער זיך געשטעלט אלס אידעאל צו גרינדען אן „אָלד איידזש האום", א היים פאר אלטע ארבייטער רינג מיטגלידער.

אַלטע טעג איז אַ האָפנונג. עס איז אָבער בלויז א האָפנונג פאר די, וועלכע זיינען באזאָרגט מיט מיטלען אויף זייער עלטער. פאר מענשען אָהן מיטלען, ספּעציעל פאר אלטע ארבייטער, זיינען אלטע טעג א שרעק.

יעדער מענש האָפט צו דערלעבען אלטע יאָהרען. עס איז א מענשליכער אינסטינקט. עס איז זעהר נאַטירליך. אן אַרבייטער טאָר זיך אָבער ניט קוויקען מיט אזא האָפנונג, דערמאָנט זיך אַן ארבייטער אז עס וועט קומען א צייט, ווען עס וועלען איהם אויסגעהן די כחות און ער וועט קיין ארבייט ניט קענען קריגען, געהט איהם איבער א סקרוך איבער'ן לייב. ער ווערט אָנגעפילט מיט שרעק. וואָס וועט ער טאָן? ווי וועט ער לעבען?

עס איז קיין וואונדער ניט, אז פילע ריידען וועגען זעלבסטמאָרד. זעהר אָפט הערט מען, ווי איינער זאָגט: „אַז איך וועל שוין קיין כח ניט האָבען צו ארבייטען . . . וועל איך . . . און דאָס מיינט, אָדער נעמען געז, אָדער

ארונטערוואַרפֿען זיך פֿון צענטען פלאָר, אָדער וואַרפֿן זיך אין טייך, אָדער גאָר זיך לאָזען אַ קויל אין שלייף. די ווערטער זיינען ערנסט געמיינט. זיי זיינען ניט קיין סטראַשונאָק.

די טראַגעדיע פֿון היימלאָזע, עלענדע ארבייטער אויף דער עלטער האָבען פֿאָראויסגעזעהן אונזערע גרינדער שוין אין די ערשטע יאָהרען פֿון ארבייטער רינג.

אין דעם „דיסקוטאַנט”, דעם אָפיציעלען אָרגאַן פֿון ארבייטער רינג אין יאָהר 1902, געפינען מיר אַ מערקווירדיגען אַרטיקעל. עס זיינען שוין אוועק זעקס און דרייסיג יאָהר און די ווערטער האָבען נאָך ניט פֿארלוירען זייער פרישקייט. אָט וואָס מיר לייענען דאָרטען אין אַן אַרטיקעל פֿאַר דיסקוסיע:

„מיר פֿאַרזאָרגען זיך אין ארבייטער רינג מיט שטיצע אין קראַנקהייט. מיר פֿאַרזאָרגען מיט שטיצע אונזערע פֿאַמיליעס נאָך אונזער טויט. —

אָבער וואָס וועט ווערען מיט אונז אויף דער עלטער, ווען מיר וועלען זיין ניט קראַנק און ניט טויט און דאָך אָהן געזונד און אָהן לעבען?... וואָס וועט ווערען מיט די פֿון אונז, וואָס וועלען מיט ניסים פֿאָרט דערלעבען אַלטקייט?...

עס איז אבסאָלוט אונמעגליך אז פריוואַט סאָסייעטיס זאָלען קענען אויסהאַלטען זייערע מעמבערס אויף דער עלטער... אַנדערע אונטערשטיצונגס סאָסייעטיס האָבען טאַקע אויף דעם ניט וואָס צו ענטפֿערען... דער ארבייטער רינג אָבער — יאָ!”

אזוי האָבען געדענקט אונזערע גרינדער. פֿאַר זיי איז דער ארבייטער רינג געוועזן העכער פֿון אַלע סאָרטען פֿאַראיינען און אָרדענס.

ווען אָט די מערקווירדיגעווערטער זיינען געשריבען גע־
ווארען, האָט דער ארבייטער רינג פארמאָגט עטלאכע טויזענד
דאָלער מיט סענטען...

קען איצט אַ לאָיאַלער מיטגליד פון אַרבייטער רינג
דענקען, אז דער ארבייטער רינג, וועלכער איז דער גרעס־
טער אידישער אָרדען פון דער וועלט, זאָל אָפּשטעהן פון
אנדערע „אונטערשטיצונגס סאָסייעטיס"? קען אַ לאָיאלער
מיטגליד דערלאָזען דעם געדאנק, אז דאָס, וואס איז מעגליך
פאר אנדערע, זאָל פאַר דעם ארבייטער רינג זיין אונמעג־
ליך? איז אונזער אידעאל באַנקראָט?

ניין, דער אידעאַל פון אַרבייטער רינג איז איצט גרע־
סער, ווי ער איז געווען אַמאָל. דער אַרבייטער רינג איז
געווען און ער בלייבט דער רויטער קרייץ פון דער אידי־
שער ארבייטער באוועגונג. א היים פאר אונזערע אלטע,
הילפלאָזע און היימלאָזע, איז ניט נאָר ווינשענסווערט. אזא
היים איז מעגליך.

דער ארבייטער רינג ווערט מיט רעכט אנגערופען דער
„רויטער קרייץ" פון דער אידישער אַרבייטער באוועגונג.
דעם נאָמען האָט ער פאַרדינט ניט מיט די בענעפיטס, וואָס
ער צאָלט — דאָס טוען אַנדערע אָרדענס אויך — נאָר מיט
די וואונדערבאַרע אינסטיטוציעס, וועלכע ער האָט געשאַפען,
צו לייסטען הילף צו זיינע מיטגלידער, וואו הילף איז אם
נויטיגסטען.

אזוי ווי דער „רויטער קרייץ" אויף א שלאכט פעלד,
נעמט דער ארבייטער רינג אויף אלע פארוואונדעטע אין

שווערען קאמף פאר'ן לעבען און ברענגט זיי היילונג און טרייסט.

ווען די ווייסע פּלאָג האָט גענומען פילע קרבנות צווישען אידישע ארבייטער, אזוי אז מען האָט אפילו שווינדזוכט גערופען: די אידישע פּראָלעטאַרישע קראנקהייט, איז געקומען דער אַרבייטער רינג און האָט געבויט דעם וואונדערבארען סאַנאַטאָריום אין ליבערטי. איצט קען זיין, איז שוין דער סאנאטאָריום ניט דאָס, וואס ער איז פריהער געווען. אָבער דער סאַנאַטאָריום האָט ערפילט זיין אויפגאבע אויף דעם בעסטען אופן. הונדערטער יונגע לעבענס האָט דער סאנאטאָריום געראַטעוועט פון די שאַרפע נעגעל פון שווינדזוכט. הונדערטער יונגע מענער און פרויען זיינען געבליבען ביי אונז און געמאכט זיך נוצליך אויף יעדען געביט.

אמאָל איז געווען שווינדזוכט דער געפערליכסטער שונא פון די ארבייטער רינג מיטגלידער. איצט — איז דאָס עלענדע אַלטקייט. דער רויטער קרייץ האָט אַן אַנדער פעלד פאר זיך.

מיט א גוטען ווילען קען און דארף א היים פאר אלטע מיטגלידער פון ארבייטער רינג געבויט ווערען. דער ארבייטער רינג האָט די מעגליכקייט. ער האָט די רעסאורסען. עס דארף נאָר זיין דער ווילען.

ארבייטער רינג אלטע מיטגלידער קענען זיך צום היימעל ניט ווענדען. זיי ווענדען זיך צו דער אָרגאַניזאציע, וואָס זיי האָבען געבויט מיט אזוי פיל מסירת נפש, מיט דער

תפילה: „אל תשליכנו לעת זקנה, ככלות כחנו אל תעזבנו״. ווארף אונז ניט אַוועק אויף דער עלטער. ווען אונזערע כחות זיינען צו ענד, פאַרלאָז אונז ניט!

אַביסעל געשיכטע

אום צו פאַרווירקליכען דעם אידעאַל פון א היים פאַר אַלטע, האָט דער ארבייטער רינג אונטערנומען פילע מיטלען. אמאָל האָט דער ארבייטער רינג געקליבען א פאָנד, וואס האָט געהייסען: „אָלד איידזש פּראָטעקטיוו האָום״. דער פאָנד איז אפּגעשטעלט געווארען צוליב געזעצע פון פאַרשידענע סטייטס. דער ארבייטער רינג איז דעריבער צוגעטראָטען מיט דער גוטהייסונג פון די אינשורענס דעפּאַרטמענטס פון פאַרשידענע סטייטס צו א קאָנקרעטען פלאַן צו בויען א היים פאַר אַלטע מיטגלידער.

די פראַגע וועגען אַן אָלד איידזש האָום האָט שוין אויך אַ לאַנג־יאָריגע געשיכטע. אין „פריינד״ פון יוני־יולי, 1920, זייט 40, לייענען מיר: „די צוואַנציגסטע קאָנווענשאָן באַשליסט, אַז דער ארבייטער רינג זאָל בויען א היים פאַר אַלטע לייט״. די 20טע קאָנווענשאָן האָט איבערגעגעבען אויסצואַרבייטען א פּלאַן צו א קאָמיטע, באַשטעהענד פון: אַשפּיז, פּאַדניק, לעוויטאַן, קלופּט און גאָלדין. אויף דעם גרונד פון דעם באַריכט פון דער סאַב־קאָמיטע, האָט די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיוו קאָמיטע פון ארבייטער רינג, אונטער דעם פאָרזיץ פון ר. גוסקין, אריינגעבראַכט א רעקאָמענדאַציע צו דער 22טער קאָנווענשאָן, אַז דער ארבייטער

רינג זאָל בויען און אויפהאלטען א היים פאר אלטע מיטגלי־
דער אויף די גראונדס פון אונזער סאַנאַטאריום אין ליבער־
טי. די רעקאָמענדאַציע איז איבערגעגעבען געוואָרען צו
א ספעציעלער קאָנווענשאָן קאָמיטע און זיי האָבען רעקאָ־
מענדירט פאָלגענדע פונקטען:

1) אז די ארבייטער רינג אָלד איידזש האָום זאָל עטאַב־
לירט ווערן.

2) א טעקס פון 5 סענט א קוואַרטאל זאָל ארויפגעלייגט
ווערען און די צאָלונגען זאָלען זיין בינדענד פאר אלע קלאַ־
סען מיטגלידער.

3) די צאָלונגען זאָלען זיך אָנפאנגען גלייך, ווי עס וועט
דורכגעהן דער רעפערענדום.

ביי דער קאָנווענשאָן איז דער פונקט דורכגעגאנגען
מיט 90 שטימען געגען 27 און דער רעפערענדום האָט דעם
באשלוס גוטגעהייסען מיט 8,261 געגען 514.

אויף דער 32טער קאָנווענשאָן פון ארבייטער רינג אין
באָסטאָן איז פאָלגענדע רעקאָמענדאַציע פון דער נאציאָ־
נאלער עקזעקוטיווע ארייגעטראָגען געוואָרען:

„די נאציאָנאלע עקזעקוטיווע רעקאָמענדירט א טעקס
פון איין דאָלער א יאָר פאר אזא אינסטיטוציע".

דער פונקט איז הייס דעבאַטירט געוואָרען און איז דורכ־
געגאנגען סיי אויף דער קאָנווענשאָן און סיי אויפ'ן רעפע־
רענדום מיט מער ווי צוויי־דריטעל מאַיאָריטעט.

דער רעקאָרד ווייזט, אז קאָנווענשאָן נאָך קאָנווענשאָן

און רעפערענדום נאָך רעפערנדום האָבען מיט גרויסע מאַיאָ־ריטעטען גוטגעהייסען דעם פאָרשלאג פון א האָום פאר אל־טע לייט און די מעמבערשיפּ האָט פרייוויליג געגומען אויף זיך א גרעסערע פאראנטוואָרטלאכקייט. אָט זיינען אייניגע פאקטען וואס מען דארף גוט געדענקען:

ביי דער באָסטאָנער קאָנווענשאָן אין 1922, איז די רע־זאָלוציע צו בויען א האָום און ארויפלייגען אַ טעקס פון פינף סענט אָנגענומען געווארען מיט 90 שטימען געגען 27. דער רעפערענדום־וואוט איז געווען 8091 פאר דעם טעקס און בלויז 509 געגען. דאָס הייסט א פראָפּאָרציע פון 16 צו 1.

ביי דער קאָנווענשאָן פון 1932, האָט בלויז איין דע־לעגאט געשטימט געגען א העכערונג אין דעם טעקס, 103 האָבען געשטימט דאפיר. וועגען דער סומע פון דעם טעקס האָבען 73 געשטימט דער טעקס זאָל געהעכערט ווערען ביז 25 סענט אַ קווארטאל, און 23 האָבען געשטימט צו העכערען ביז 15 סענט. די רעפערענדום אָפּשטימונג איז געווען 5684 צו גונסטען 25 סענט, און 3854 געגען.

ערשט אזוי קורץ צוריק ווי אין 1935, אויף דער קאָנ־ווענשאָן אין ניו יארק, איז א פאָרשלאג געמאכט געווארען אָפּצושאפען דעם אָלד־איידזש רעזערוו פאָנד און אומצו־קערען דאָס געלט צו די מעמבערס. דער פאָרשלאג איז נידערגעשטימט געווארען מיט 450 שטימען געגען 251. די קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסען אָנצוהאלטען דעם טעקס און האָט באַשטימט א קאָמיטע פון פינף צו שטודירען די

פראגע און ברענגען א רעפּאָרט צו דער קאָנווענשאָן פון 1937, און די מעמבערס, דורך א רעפערענדום, האָבען ווי־דער גוטגעהייסען די פאָרזעצונג פון טעקס מיט 8288 שטי־מען געגען 2479, אָ פּראָפּאָרציע פון כמעט 4 צו 1.

אין אנדערע ווערטער, דער סענטימענט פון אונזערע מעמבערס ווי עס איז צו זען פון די קאָנווענשאָנס און פון די רעפערענדומס ווייזט אויף אָן איבערוועלטיגענדען אופן, אז זיי זיינען פעסט איבערצייגט אין דער נויטווענדיגקייט פון אן אַלד־איידזש האָום און זיינען גרייט צו נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטליכקייטען וואס זיינען פארבונדען דער־מיט. פארקערט, זייער שטענדיקע שטיצע איז א וואונדער־באַרער צייכען פון איבערגעבענקייט צו אן אונטערנעמונג וואס האָט כמעט קיין גלייכען ניט אין דער געשיכטע פון אונזער אָרגאַניזאציע.

איצט, מיט דעם ביסעל געשיכטע וואס מיר האָבען גע־פונען פאר וויכטיג איבערצוגעבען, טרעטען מיר צו צו אונ־זער באַריכט.

אונזער באַריכט

די 35טע קאָנווענשאָן האָט אונז אנפארטרויט זעהר א וויכטיגען מאַנדאַט: אויסצוארבייטען א פּלאן, וואס זאָל זיין פראקטיש און ארבייטזאם, ווי צו פארזאָרגען אונזערע אלטע מיטגלידער. מיר האָבען זעהר ערנסט געארבייט רעכט־צו פארטיגען דעם פארטרויען, וואס די 35טע קאָנווענשאָן האָט אונז געשענקט און מיר לייגען דאָ פאָר אונזער באַריכט.

מיר האָפען, אַז די דעלעגאַטען וועלען אונזער באַריכט דורכ־שטודירען מיט ערנסטקייט, ווי די פראגע פארדינט.

אונזער אַרבייט

אונזער קאָמיטע האָט זיך אינסטאַלירט דעם 18טען נאָ־ועמבער, 1935. מיר ווילען דאָ דערמאָנען די ווערטער וואס אונזער גענעראל סעקרעטאר, פריינד י. באסקין, האָט געזאָגט ביי אונזער אינסטאַלאציע:

„די קאָמיטע דארף זיך רעכענען מיט פאקטען און מיט די מעגליכקייטען פון אונזער ארדען און טאָר זיך ניט ארייגלאָזען אין פאַנטאַסטישע פלענער".

מיר דערמאָנען אָט די ווערטער, ווייל מיר זיינען זיכער, אז אונזער גאנצע ארבייט איז דורכגעדרונגען מיט אָט דעם גייסט.

מיר האָבען געהאַט פאר זיך זעהר שווערע אויפגאבען. מיר האָבען איינמאָל פאר אלע מאָל געמוזט פעסטשטעלען די קאָסטען פון אזא אונטערנעמונג: די קאָסטען פון אויפ־האלטען אזא אינסטיטוציע; די מעגליכע צאָל קאַנדידאטען פאר אזא אינסטיטוציע און ווי אזוי וועט זיך אזא אונטער־נעמונג אָפרופען אויף דעם גאנצען ארבייטער רינג.

פריהער פאר אלץ האָבען מיר באשלאָסען ניט צו רע־כענען זיך מיט אונבאַגרינדעטע סברות און השערות און בלויז זיך רעכענען מיט פאקטען, באזירט אויף אויסרעכע־נונגען פון עקספערטען און לאַנגע ערפאהרונגען פון אזעל־

כע אינסטיטוציעס. מיר האָבען געהאַט א רייע קאָנפע־רענצען מיט די גרעסטע עקספערטען פון ניו יארק סטייט. מיר ווילען דאָ דערמאָנען בלויז איינינע:

א קאָנפערענץ איז אָפּגעהאלטען געווארען דעם 14טען מאי, 1936, מיט דעם באוואוסטען עקספערט איבער פראַגען פון סאציאלע פארזיכערונג, א. עפשטיין. אויף דער קאָנ־פערענץ זיינען, אויסער די מיטגלידער פון דער קאָמיטע, אויך געווען אנוועזענד די בעאמטע פון ארבייטער רינג און אויך אונזער ליגעל אדווייזער. מר. א. עפשטיין האָט אונז באַלויכטען די פראַגע פון אלע זייטען. אויף אונזער איינ־לאדונג איז ער אויך געקומען צו אונזערע מיטינגען.

א צווייטע וויכטיגע קאָנפערענץ, אויך מיט דער באטיי־ליגונג פון אלע בעאמטע פון ארבייטער רינג און פון דעם ליגעל אַדווייזאָר איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען דעם 4טען דע־צעמבער, 1936. די קאָנפערענץ איז גערופען געווארען פון מר. פריינד, פון דער „פעדערײשאָן אוו דזשואיש טשאַריטיס.״ עס זיינען דאָרטען געווען פארטראַטען סופעראינטענדענטס פון היימען, סטאַטיסטיקער און וויסענשאפטס לייט, ווי קעט־בורי און דר. ראָזען. מר. פריינד איז אויך אנוועזענד געווען אויף אונזערע מיטינגען.

מיר דערמאָנען אָט די אַלע, וואס האָבען אנטייל גענומען אין אונזערע בעראטונגען און האָבען אונז געהאָלפען קריגען די נויטיגע אינפאָרמאציע, און מיר באנוצען זיך מיט דער געלעגענהייט אויסצודריקען זיי אונזער דאנק.

אויסער דעם האָבען די מיטגלידער פון אונזער קאָמיטע

געהאַט פערזענליכע געשפרעכען מיט דר. בלושטיין, פון דער מאַנטעפיאָרע האום; מיט זיגמונד פיינבלאַט, פון באַלטימאָר, און אַנדערע. מיר האָבען אויך דעלעגירט אַ מיטגליד פון אונזער קאָמיטע אנוועזענד צו זיין ביי א קאָנווענשאָן פון היימען פאר אַלטע, וואס איז אפגעהאלטען געווארען אין אט־לאנטיק סיטי, אום אויסצוגעפינען פארשידענע אינפאָרמאציע.

מיר האָבען קאָרעספאָנדירט מיט'ן אינשורענס דעפּארט־מענט, מיט פארשידענע אינסטיטוציעס, מיט דעם רעגי־רונגס אָפיס פון וואשינגטאָן, מיט דעם „וועלפעיר באָארד" פון ניו יארק, און אַנדערע.

מיר האָבען דורכגעפירט דריי אנקעטעס: איין אנ־קעטע האָבען מיר ארויסגעשיקט צו פארשידענע היימען פאר אלטע. דורך דער אנקעטע האָבען מיר געוואלט ריכטיג אויסגעפינען די קאָסטען פון אויפהאלטען א האום, וויפיל רעזידענטען עס זיינען דאָרטען דאָ, וויפיל קאָסטען די גע־ביידעס, ווי ווערען די רעזידענטען באהאנדעלט און ווי פאר־האלטען זיך די רעזידענטען צו די אינסטיטוציעס.

א צווייטע אנקעטע האָבען מיר ארויסגעשיקט צו די סעקרעטערע פון אונזערע ברענטשעס. מיר האָבען פון זיי געוואלט אויסגעפינען, וויפיל אלטע לייט איבער 60 יאָהר עס זיינען פאראן אין די ברענטשעס; ווי איז זייער עקאָנאָ־מישע לאגע.

מיר האָבען אויך געבעטען די סעקרעטערע ארויסצוזאָ־גען זייער פערזענליכע מיינונג, צי די ברענטשעס וואָלטען

איינגעוויליגט אז די אָפּצאָלונגען צו דעם אַלד איידזש האָום פּאַנד זאָלען געהעכערט ווערען. 199 סעקרעטערע האָבען געענטפערט אויף דער אנקעטע.

א דריטע אַנקעטע האָבען מיר דורכגעפירט מיט די אלטע מיטגלידער גופא. מיר האָבען ארויסגעשיקט דורך די סעק־רעטערע בריף צו איבער 3 טויזענד מיטגלידער, עלטערע ווי 60 יאר. די הויפּט פראגען, וואס מיר האָבען אָט די מיט־גלידער געשטעלט, איז וועגען זייער עקאָנאָמישען צושטאַנד, וועגען זייערע אינשורענס, פאמיליע אנגעלעגענהייטען, וועגען זייער געזונד־צושטאַנד און צי זיי וואָלטען וועלען אריין אין ארבייטער רינג האום, ווען אזא האום זאָל געבויט ווע־רען. מיר האָבען ערהאלטען 450 ענטפערס.

מיר זיינען שטענדיג געשטאַנען אין פארבינדונג מיט'ן דזשענעראל אָפיס, וועלכער האָט אונז געגעבען אלע נייטיגע טעכנישע הילף.

רעזולטאַט פון אונזערע אונטערזוכונגען

ביי אונזערע מיטינגען זיינען אַלע פראַגען, וואָס זיינען פערבונדען מיט דער אַלד איידזש האָום גרינדליך באַטראַכט געוואָרען. און נאָך לאַנגע דעבאַטען און אונטערזוכונגען האָבען מיר אָנגענומען די רעזאָלוציע, וואָס מיר לייגען אייך פאָר. פאר דער רעזאָלוציע האָבען געשטימט 6 פון דער צוזאַמענגעשטעלטער קאָמיטע, געגען — 3. איינער איז געווען אָבוועזענד.

די רעזאָלוציע לעזט זיך ווי פאָלגט:

נאָכדעם, ווי מיר האָבען נאָכגעזוכט די פראגע פון אַן „אָלד איידזש האָום" פון יעדען שטאנדפונקט, און נאָכדעם ווי מיר האָבען זיך בעראַטען מיט עקספערטען, זיינען מיר געקומען צום שלוס, אַז אַן „אָלד איידזש האָום", אונטער באשריינקונגען, איז ווינשענסווערט און מעגליך, און מיר רעקאָמענדירען צו דער 37טער קאָנווענשאָן:

1. די קאָנווענשאָן זאָל באשליסען אַזאַ „האָום" צו בויען.

2. עס זאָל געבויט ווערען אַ „האָום" מיט אַלע נויטיגע מעדיצינישע איינריכטונגען. די „האָום" זאָל זיין די „אַרבייטער רינג אָלד איידזש האָום".

3. מיטגלידער, וועלכע דערגרייכען דעם עלטער פון 70 יאָר און העכער, זאָלען זיין בארעכטיגט ארייני גענומען צו ווערען אין דער „האָום".

4. די פינף הונדערט טויזענט דאָלאר, וואָס איז געזאַמעלט געוואָרען ביז איצט, זאָלען אַוועקגעלייגט ווערען אַלס אַ „רעזערוו-פאָנד".

5. אין די נעקסטע צוויי יאָר זאָלען געשאַפען ווערען 300 טויזענט דאָלאַר פון דיוס, אינטערעסט

פון „רעזערוו־פאָנד“ און פריווויליגעביישטייערונגען. ווען מיר וועלען אָט־די מינימום סומע האָבען, וועלען מיר ערשט צוטרעטען אַזאַ „האָום“ צו בויען.

6. ווען די „האָום“ וועט פאַרטיג ווערען זאָלען די דיוס געהעכערט ווערען פון 25 סענט אַ קוואַרטאַל צו 50 סענט.

7. מיר האַלטען, אַז די מאַקסימום קאָסט פאַר 200 רעזידענטען קאָן נישט זיין העכער ווי 150 טויזענט דאָלאר יערליך; און די סומע וועט קאָנען געדעקט ווערען פון דיוס, וואָס וועלען באטרעפען 130 טויזענט דאָלאר אַ יאָר; פון אינטערעסט אויף 500 טויזענט דאָלאר — 20 טויזענט דאָלאר. — צו־זאַמען 150 טויזענט דאָלאר.

די גרינדע, וואָס האָבען אונז באַוואויגען די רעזאָלוציע אָנצונעמען

ביי פריערדיגע קאָנווענשאָנס זיינען אָנגענומען גע־וואָרען באַשלוסען צו בויען אַ היים פאַר אונזערע אַלטע מיטגלידער. פאַר דעם צוועק איז געזאַמעלט געוואָרען אַ פאָנד, וואָס האָט שוין קרוב פון אַ האַלבען מיליאָן דאָ־

לאַר. די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיוו קאָמיטע פון לעצטען טערמין האָט געזעהן די שוועריגקייטען פון אַזאַ ריזיגער אונטער־נעמונג און האָט דאַריבער בשלאָסען דאָס געלד צוריק־צוקערען צו די מיטגלידער. די 35־טע קאָנווענשאָן האָט מיט אַ ריזיגער מאַיאָריטעט באַשלאָסען דעם טעקס פאַר דעם פאָנד פאַרצוזעצען. דאָס האָט באַוויזען אַז אונ־זערע מיטגלידער זיינען פאַר אַ האָום. עס שטעלט זיך נאַטירליך די פראַגע: איז מעגליך פאַר׳ן ארבייטער רינג אויסצוהאַלטען אַן אַלד איידזש האָום. און אויב ניט, וואָס זאָל מען טאָן מיט די געלדער פון פאָנד, וואָס זיינען גע־זאַמעלט געוואָרען פאַר אַ באַשטימטען צוועק?

עס זיינען דאָ פערשידענע פלענער, ווי אויסצונוצען דעם פאָנד. צוליב דעם, וואָס פילע גוטמיינענדע טוער פון אַרבייטער רינג האָבען ביי זיך באַשלאָסען, אַז אַ נאַ־ציאָנאַלע היים פאַר אַלטע איז אונמעגליך, האָט מען פאַר־געשלאָגען צו בויען לאָקאַלע היימען, אָדער אויסנוצען די געלדער פון פאָנד פאַר פאַרשידענע צוועקען. זיי פאַר־געסען אָבער אַז די אינשורענס דעפּאַרטמענטס פון פאַר־שידענע סטייטס האָבען אויך עפּעס צו זאָגען וועגען דעם.

מיר ווילען דאָ ברייגנען אויסצוגען פון אַ בריף, וואָס דער אינשורענס דעפּאַרטמענט פון ניו־יאָרק סטייט האָט געשריבען צו אונזער ליגעל אדווייזאָר ר. ס. לאַנדאָן. דער

בריף איז דאַטירט אָקטאָבער 8, 1936, און איז אונטער־געשריבען פון ראַלין מ. קלאַרק, פוירסט דעפּיוטי סופּעריג־טענדענט.

פונקט 3 פון בריף לייענט זיך:

„איך גלויב אַז די געזעלשאַפט (דער א. ר.) קען שאַ־פען דורך געהעריגע אַמענדמענטס צו דער קאָנסטיטוציע די באַדינגונגען אונטער וועלכע מיטגלידער זאָלען איינ־גענומען ווערען אין א היים פאר אלטע. איך דענק אָבער אַז ביז וואַנען מען וועט ניט באַשטימט באַשליסען אַזאַ היים צו שאפען זאָל מען אָפּוואַרטען מיט די קאָנסטיטוציאָ־נעלע ענדערונגען".

פונקט 5 פון בריף לייענט זיך:

„אַ זייער ערנסטע פראַגע שטעלט זיך: צו האָט די געזעלשאַפט אַ רעכט צו ענדערען דעם צוועק פאַר וועלכען דעם פאָנד פאַר אַ היים פאַר אַלטע איז געזאַמעלט געוואָרען. עס פאָדערט זיך פילע אונטערזוכונגען אום צו קומען צו אַ ריכטיגען ענטפער. אויסער די לעגאַלע איינווענדונגען געגען דעם, דוכט זיך מיר אַז אַזאַ זאַך, וואָס די געזעל־שאַפט וויל טאָן, וועט נאָך ברייגען מער שאָדען, ווי נוצען דערמיט, וואָס דאָס באַשאַפט פיינדליכע שטימונגען און אויך מיסטרויען פון די מיטגלידער, וועלכע האָבען זיך פיל געאָפּפערט אזא פאָנד צו שאפען".

פונקט 6 פון בריף לייענט זיך:

„אויב דער טעקס זאָל אָפּגעשטעלט ווערען, וואָלט אפשר דער זיכערסטער וועג געווען צוריקצוצאָלען די ספּע־ציעלע אָסעסמענטס צו די מיטגלידער, אָדער קרעדיטירען זיי פאַר דעם.“

פונקט 7 פון בריף לייענט זיך:

„איך גלויב ניט אַז די געזעלשאַפט האָט אַ רעכט פון לעגאַלען, אָדער פון מאָראַלען שטאַנדפּונקט צו באַנוצען זיך מיט די געלט פאַר לאָקאַלע היימען... דאָס וואָלט גע־מאַכט אַ דיסקרימינאַציע געגען מיטגלידער פון אונזערע שטאַטען אָדער דיסטריקטען, וואָס וואָלטען קיין לאָקאַלע היימען ניט געהאַט“.

די פונקטען זיינען איבערזעצט ווערטערליך און פאַ־דערען ניט קיינע וויטערדיגע פּירושים. די מיינונג איז קלאָר: ענטוועדער צו בויען אַ נאַציאָנאַלע היים, אָדער אומצוקערען די געלט צו די מיטגלידער.

איז אָבער אַ נאַציאָנאַלע היים מעגליך?

קומט מען צו דער פראַגע הערט מען פאַנטאַסטישע ציפערען וועגען דעם, וויפיל עס דאַרף קאָסטען אויפצו־האַלטען אַן אַלד אידיש האָום. אום צו מאַכען אַ ענדע צו ניט באַגרינדעטע סברות, גיבען מיר דאָ די פאָלגענדע טאַבעלע צוזאַמענגעשטעלט פון די ענטפערס, וואָס זיינען אריינגעקומען פון פאַרשידענע היימען:

טאַבעלע וואָס צייגט קאָסט פער טאָג פער רעזידענט לויט די ענט־
פערס פון די אינסטיטוציעס אליין.

נאָמען פון	צאָל פון אלטע	יערליכע אויסגאבען	קאָסטען פער וואָך
אָד פעלאָוס האָום, טרענטאָן — —	96	$27,619.50	$6.14
פיטהיען האָום, אינדיאנא — —	142		4.87
איד. אָרט. פאָלקס הויז, סט. לואיס	120	44,908.79	7.48
איד. הויז פאַר אַלטע, באָפאַלאָ —		24,956.65	8.02
מינאָרא האום, ברוקלין — — —	50		8.40
מאסאָניק האום, מינעסאָטא — —	160	67,193.25	8.00
מאסאָניק האום, נעבראסקא — —	98	37,971.56	7.75
נעיבאָרס אָוו וואודקראפט, קאָל. —	136		7.30
מאָסאָניק האָום, קענטאָקי — —	77	19,825.24	4.86
אָד פעלאָוס האָום, ניו יארק — —	224	78,652.23	6.75
אָרטאָדאָקס איד. האָום, שיקאגאָ —	166	59,498.00	6.98
סעקיוריטי בענעפיט האָום, קענזעס	185	72,000.00	7.78
יוניאָן פרינטערס האָום, קאָל. —	347	284,402.31	16.39
טשאפין האום פאר איידזשעד, נ. י.	100	47,485.51	9.50
אינד. אָד פעלאָוס, נעבראסקא — —	75	28,268.76	4.58
אינד. אָד פעלאָוס, אילינאָי — —	208	50,624.19	4.87
אינד. אָד פעלאָוס, יוטיקא, נ. י. —			10.00
אייזענבאָן ארבייטער, היילאָנד פארק, אילינאָי — — — —	127	74,075.16	11.42
מאסאָניק האָום, אילינאָי — — —	250	105,791.75	8.30

צו דער טאַבעלע ווילען מיר נאָך צוגעבען פאָלגענדע וויכטיגע אינפאָרמאַציע: מר. מיכאל פריינד פון דער שטאַ־טישער אָפטיילונג פון דער אידישער צדקה פעדעראַציע, גיט אונז אָן פאָלגענדע ציפערען: „**אויף דעם גרונד פון**

אונטערזוכונגען פון פאַרשידענע היימען, שטעלט זיך ארויס, אַז דער מאַקסימום קאָסט פון אַ רעזידענט פער טאָג איז $1.97, דער מינימום קאָסט $1.12". אויף דער פראַגע פון אונזער קאָמיטע האָט דר. בלוישטיין, דער דירעקטאָר פון מאָנטיפיאָרע האָום געענטפערט אין זיין בריף, דאַטירט אפריל דעם 6טען, 1936.

...„עס דאַרף קאָסטען דורכשניטליך ארום צוויי דאָלאַר אַ טאָג פער רעזידענט. דאָס איז אָבער בלויז אַן השערה..."

ווי איר זעהט איילט זיך ניט אַ פעראַנטוואָרטליכער מענש אַרויסצוקומען מיט ציפערען גלאַט אין דער וועלט אריין. אָבער יעדענפאַלס איז זיכער אַז צוויי דאָלאַר פער טאָג איז דער מאַקסימום, ניט דער מינימום קאָסט פער רעזידענט פער טאָג.

פון דער טאַבעלע וועט איר זען אַז די קאָסטען זיינען פאַרשידען — פון $4.58 א וואָך אין א היים אין נעבראסקא ביז $16.39 אַ וואָך אין די „האָום פון די פרינטערס". די קליינע היימען, וועלכע האָבען אַ באַגרעניצטע צאָל רע־זידענטען דאַרפען אין אַנבעטראַכט ניט גענומען ווערען. מען דאַרף אויך ניט פאַרגעסען אַז די פרינטערס האָום איז ניט נאָר אַ היים פאַר אַלטע, נאָר אויך אַ סאַניטאַריום.

יעדענפאַלס זיינען מיר זיכער אַז $15.00 אַ וואָך איז דער מאַקסימום קאָסט פער רעזידענט שוין אריינגערעכענט אויך מעדיצינישע אויסגאַבען וואָס אַזאַ האָום דאַרף האָבען, לויט ווי עס האָט אונז ערקלערט דאָקטאָר בלוישטיין.

אין פאַרבינדונג מיט די פאַרשידענע אייטעמס, וואָס שטעלען צוזאַמען דעם קאָסט, ווילען מיר דאָ ברייגען די פאָלגענדע טאַבעלע, וואָס איז אויסגעאַרבייט געוואָרען פון ארטור ט. בראַין, פון דער „ניו יאָרק וועלפעיר קאָונסיל" וועגען דעם דורכשניט־קאָסט פון אַ היים.

	פּראָצענט	קאָסט יערליך	קאָסט טעגליך
עסען פּער רעזידענט — — — — — —	20.6	$115.00	$ .34
מעדיצינישע און אַנדערע באַדינונג	60.2	336.00	.92
אינטערעסט, אָפּנוץ א. אַז. וו. — — —	19.2	107.00	.27
סך הכל — — — —	100.00	558.00	1.54

ווי איר זעט, גייט דער גרעסטער פּראָצענט פון בודזשעט אַוועק אויף מעדיצינישע און אַנדערע באַדינונג. און אַ גרויסער פּראָצענט גייט אַוועק אויף אינטערעסט. מאַנכע היימען האָבען גרויסע מאָרטגיידזשעס. עס זיינען דאָ היימען, וואָס צאָלען קאָמישאָן פאַר זאַמלען פאָנדען און גיבען אויס געלט אויף באַערדיגונגס קאָסטען און דאָך איז דער דורכשניט קאָסט פּער רעזידענט ניט מער, ווי $1.53 פּער טאָג אָדער $10.71 פּער וואָך. ווי געזאָגט, נעמען מיר ניט דעם דורכשניט קאָסט נאָר דעם מאַקסימום קאָסט — $15 אַ וואָך.

איצט איז די פראַגע, וויפיל קאַנדידאַטען עס וועלען זיין אין אַזאַ האָום. מיר האָבען איצט לויט די ציפערען פון אָפּיס 691 מיטגלידער, עלטער פון 65 יאָר—צווישען זיי 153 איבער זיבעציג.

מיר ווערען עלטער און די פראַגע וועגען פאַרזאָרגען אלטע היימלאָזע ווערט ביי אונז א ברענענדע פראַגע. מיר טאָרען אָבער ניט אונטערנעמען אַ זאַך, וואָס מיר קענען ניט אויספירען. און דאַריבער איז אונזער רעקאָמענדאציע צו באַשריינקען זיך אויף די מיטגלידער, וועלכע דער־גרייכען דעם עלטער פון 70 יאָר און העכער.

וועט אָבער די היים קענען אריינעמען אַלע די וואָס

ווערען אַלט 70 יאָר? עס איז כמעט ווי זיכער אַז ניט אַלע אַלטע נייטיגען זיך אין אַ היים און נאָך ווייניגער מענשען ווילען זיך מיט דעם ווילען באַנוצען. אָט צו דעם שלוס זיינען מיר געקומען צום שלוס פון דער אַנקעטע וואָס מיר האָבען דורכגעפירט מיט די ברענטש־סעקרעטאַרען און מיטגלידער, עלטער ווי 60 יאָר. די אינפאָרמאַציע, וואָס מיר האָבען פון דער אנקעטע, האָט לכל הדעות, אַ וויכטיגען ווערט. עס צייגט אָן די ריכטונג און די באַ־ציהונג פון אונזערע מיטגלידער.

פאַר אונז איז וויכטיג די פאָלגענדע אינפאָרמאַציע און מיינונגען פון די ברענטש־סעקרעטאַרען, וועלכע האָבען געענטפערט אויף דער אנקעטע:

1478 אַלטע מיטגלידער איבער 60 יאָר געפינען זיך אין אָט די ברענטשעס. פון זיי קענען זיין קאַנדידאַטען— 323 מיטגלידער. דאָס איז 21.8 פּראָצענט.

נעמען מיר איינצעלנע ברענטשעס, שוין גאָר די על־טערע, וואָס האָבען אַ גרעסערע צאָל אַלטע מיטגלידער ווערט נאָך די לאַגע פיל קלאָרער.

בר. 1 האָט 94 אַלטע מיטגלידער און בלויז 16 מעג־ליכע קאַנדידאַטען; בר. 4 — 46 און בלויז 9 מעגליכע קאַנדידאַטען; בר. 7 — 21 און בלויז 4 מעגליכע קאַנ־דידאַטען; בר. 37 — 8 און בלויז 1 קאַנדידאַט.

די ענטפערס זיינען געקומען פון צען, וואָס זיינען נאָך קיין 60 יאָר ניט אַלט; פון 390 — און עלטער פון 60 ביז 69; פון 50 — און עלטער פון 69 ביז 81. די ענט־פערס פון די גאָר אַלטע גייען לויט פאָלגענדען סדר: 69 יאָריגע — 11; 70 יאָריגע — 12; 71 יאָריגע — 8; 72 יאָריגע — 5; 73 יאָריגע — 6; 74 יאָריגע — 2; 75 יאָריגע — 3; 76 יאָריגע — 1; 80 יאָריגע — 1; 81 יאָריגע — 1.

ענטפערס פון מיטגלידער גרופּא.

	געענטפערט יאָ		געענטפערט ניין		גאָר ניט געענטפערט	
	צאָל	פּראָצענט	צאָל	פּראָצענט	צאָל	פּראָצענט
האָט איהר אינשורענס?	143	31.8	251	55.8	56	12.4
ווערט איהר אויסגעהאַלטען פון קינדער?	46	10.2	323	71.8	81	18.
דערוואַרטעט איהר א פּענסיע?	77	17.1	169	37.6	204	45.3
מאַכט איהר אַ לעבען?	155	34.4	238	53.	57	12.7
האָט איהר אָפּגעשפּאָרטע געלד?	66	14.7	310	68.9	74	16.4
ליידט איהר פון א קראַנקהייט?	117	26.	253	56.2	80	17.8
נייטיגט איהר זיך אין א היים?	148	32.9	234	52.	68	15.1
זייט איהר פאַר אַן אַרב. רינג היים?	305	67.7	78	17.3	67	15.
וועט איהר דערצו בייסטייערען?	116	25.8	132	29.3	202	44.9

פון די 50 ענטפערס פון 69 ביז 81 זיינען אינטערעסאנט די פאָלגענדע, וואס האָבען געענטפערט יאָ.

פראגע	צאָל	פראָצענט
האָט איהר אינשורענס	5	10
מאַכט איהר א לעבען?	8	16
לעבט איהר פון פענסיע?	18	36
האָט איהר אפגעשפאָרטע געלד?	9	18
ליידעט איהר פון א קראַנקהייט?	17	34
זייט איהר א קאַנדידאַט פאר אן א. ר. היים?	12	24
זייט איהר פאר א האָום?	42	84
וועט איהר דערצו ביישטייערען?	9	18

ווען מען טראַכט זיך אַריין אין די ענטפערס זעט מען אַז איינער גייט אין אַ האָום, שוין ווען עס איז קיין ברירה ניטאָ. 53 פראָצענט האָבען געענטפערט, אַז זיי מאַכען קיין לעבען ניט, אָבער אין אַ היים ווילען גיין בלויז 32.9 פראָצענט. פון די וועלכע זיינען פון 69 און העכער זיינען בלויז 24 פראָצענט קאַנדידאַטען.

מיר שלאָגען פאָר אַ היים פאַר אונזערע מיטגלידער, וועלכע זיינען 70 יאָר אַלט. יעדער פון אונז האָפט צו דערלעבען אַזאַ עלטער. לאָמיר זיין מיט דעם בעוואוסטזיין אַז טאָמער דערגרייכען מיר דעם עלטער זאָלען מיר האָבען אַ שטיקעל אָנשפאַר אויף אונזער ארבייטער רינג.

מיר האָבען שוין אפילו איצט 153 זיבעציג יאָריגע מיטגלידער און די צאָל וועט נאָך ווערען גרעסער, דאָך זיינען מיר זיכער אַז מער, ווי צוויי הונדערט קאַנדידאַטען וועלען ניט זיין. מיר דענקען נאָך אז די ערשטע יאָרען וועלען נאָך אויך אזוי פיל קאַנדידאטען ניט זיין און מיר וועלען קענען האנדלען לפנים משורת הדין און אריינגעמען אנדערע.

אום צו פארזיכערען די עקזיסטענץ פון דער היים, רע־קאָמענדירען מיר אז פינף הונדערט טויזענד דאָלער זאָלען אָפּגעלייגט ווערען פאַר אַ רעזערוו־פאָנד פון וועלכען בלויז די פּראָצענטען זאָלען קענען גענוצט ווערען פאַר אויפ־האַלטונגס קאָסט. מיר דיינקען אַז אָט דער רעזערוו־פאָנד וועט פאַרגרעסערט ווערען פון אָפּגעשריבענע אינשורענס, פון צוואות און ביישטייערונגען און די פּראָצענטען וועלען פאַרגרעסערט ווערען יערליך.

דעם בודזשעט פון אויפהאַלטען צוויי הונדערט בעטען קען באַטרעפען אם העכסטען 150 טויזענט דאָלאַר יער־ליך. די סומע דאַרף געדעקט ווערען פון דיוס און פון פּראָצענטען אויף דעם רעזערוו־פאָנד. פון די איצטיגע צאָלונגען צום אָלד אידזש האָום פאָנד קומט אריין יער־ליך ארום 67 טויזענט דאָלאַר. ווען די „האָום" וועט פאַר־טיג ווערען, דאַרף דער טעקס געהעכערט ווערען אויף נאָך אַ דאָלאַר. דאָס װעט אריינברייגגען ארום 135 טויזענט דאָלאַר יערליך. פון פּראָצענטען אויפן רעזערוו־פאָנד דאַרף אריינקומען ארום 20 טויזענט דאָלאַר, אויף אַזאַ אופן איז דאָ אַ מעגליכקייט דעם בודזשעט צו דעקען.

מיר רעקאָמענדירען אויך אַז מען זאָל ניט צוטרעטען צו בויען די היים איידער מיר וועלען ניט האָבען ווייניג־סטענס דריי הונדערט טויזענט דאָלאַר פאַר אַ בוי פאָנד. דער פאָנד דאַרף געשאַפען ווערען פון פריוויליגע ביי־שטייערונגען. איידער מיר וועלען האָבען די דריי הונדערט טויזענט דאָלאר פון אָט די קוואַלען, זאָל מען אַ היים ניט בויען.

אונזער פּלאַן איז נאָך אונזער מיינונג פּראַקטיש, אויסגערעכענט, אויסגעהאַלטען און לויט נאָך דעם מאַנדאַט פון קאָנווענשאָן.

דער פאָנד איז געקליבען געוואָרען פאר אַ באַ־שטימטען צוועק און דאַרף פאַר דעם צוועק פאַר־ווענדעט ווערען.

ליידער זעהען דעם איינפאַכען אמת ניט אַלע איין און מען קומט ארויס מיט פארשיידענע פלענער דעם פאָנד צו פאַרברויכען פאַר אַנדערע צוועקען. קען מען דאָס אָבער ניט דערלאָזען.

דער ארבייטער רינג האָט געקליבען א פאָנד פאר א ספעציעלען צוועק און דאָ קומט מען ארויס מיט פלענער ווי צו פארברויכען דעם פאָנד פאר גאנץ אנדערע צוועקען.

איין פאָרשלאָג איז, אז דאָס געלט זאָל באנוצט ווערען צו צאָלען די בילס פון מעמבערס, וועלכע ווערען 65 יאר אלט. אָבער אזא פאָרשלאג פארדינט אפילו ניט מען זאָל אים ערנסט נעמען. וואס פאַראַ נוצען קען דאָס זיין פאר אלטע מעמבערס וואס האָבען ניט קיין היים און ניט קיין פריינט? און אז מען וועט שוין באַצאָלען זייערע בילס — וועט דאָס זיי געבען א דאך איבער'ן קאָפּ און באַזאָרגען מיט מעדיצינישע באַדערפעניש? וועט עס זיי מעגליך מאכען צו פארברענגען זייערע לעצטע יארען ווי עס איז אין באקוועמליכקייט, און זיי זאָלען ניט דארפען אָנקומען צו דעם ווייטאָג פון טשאַריטי?

זאָל די איצטיגע קאָנווענשאָן ארויסקומען מיט'ן וואָרט אז די האָום פאר אַלטע לייט וועט ענדליך ווערען א פאַקט. דאָס וועט באגייסטערען אונזערע מעמבערס איבער'ן גאנצען לאנד, דאָס וועט פארשטאַרקען אין זייערע הערצער דעם גלויבען אז זייער אָרדען, נישט געקוקט אויף זיינע 37 יאר, איז נאָך אלץ יונג און פראָגרעסיוו גענוג ארויפצוגיין אויף

נייע וועגען כדי צו פארשאפען פאר זיינע מעמבערס מער און מער זיכערקייט און שוץ.

דער ארבייטער רינג האָט זיך קיינמאָל ניט אָפגעשראָקען פאר אן אונטערנעמונג ווי שווער זי איז ניט געווען, אבי דער ציל איז נאָר געווען צו באשיצען זיינע מעמבערס. מיר האָבען איצט טויטען־אינשורענס, קראנקהייט אינשורענס, און אן אינשורענס געגען שווינדזוכט. דער נעקסטער שריט דארף זיין אינשורענס, א געוויסע מאָס זיכערקייט געגען א שווערער עלטער, פאר יענע פון אונזערע אלטע מעמבערס וועמען עס איז באַשערט צו בלייבען הילפלאָז, שוואך, קראַנק, אָהן געלט און אָהן פריינט.

מען זאָגט אז מיר שלאָגען פאָר א היים פאר א באַשרענקטער צאָל. עס איז ניט אמת. אונזער פלאן איז פאר אָלע מיטגלידער פון ארבייטער רינג, וועלכע וועלען דארפען אזא היים און וועלען דאָרטען געהן.

מען זאָגט, אז מיר שלאָגען פאָר ארויפצולייגען נייע שוועריגקייטען אויף מיטגלידער. ווילען מיר דאָ באמערקען, אז די בילס וועלען ערשט פאַרגרעסערט ווערען, ווען די היים וועט שוין פאַרטיג ווערען און מיר האָפען אַז דאמאָלסט וועלען זיי אויפנעמען דעם פלאַן מיט באגייסטערונג.

זאָלען אבער די מיטגלידער אליין באשטימען די פראגע און דאָס וועט דינען אלס א פּרוביר־שטיין צו זען צי אונזערע מיטגלידער ווילען טאקע מיט'ן גאנצען הארצען האָבען א היים, אדער ניט. קריגען עפּעס פאר גאָר ניט, קען מען ניט. אויב אונזערע מיטגלידער זיינען פאַר א היים, וועלען זיי אויך מוזען זיין גרייט צו צאָלען פאר דעם.

מיר קומען מיט א קאָנקרעטען פלאַן, מיט א פלאַן, וואס איז מעגליך צו פארווירקליכען.

לאָמיר איצט אָנווענדען אונזערע כחות צו בויען א היים פאר די עלענדע אלטע, וואס מוזען האָבען א היים.

מיר האָפען און גלויבען, אז מיט א היים פאר אלטע וועט דער ארבייטער רינג צוציהען די יונגע מענשען, וואס זיינען דאָ געבוירען געווארען. סאָציאלע הילף איז אן אי־דעאל וואס באַגייסטערט אלט און יונג, אימיגראנטען און געבוירענע אמעריקאנער. לאָמיר זעהן, אז דער ארבייטער רינג זאָל פארטזעצען צו שאפען די אינסטיטוציעס, וואס זיי־נען אם שטאַרקסטען נייטיג.

אַ פראגע פון אַ היים פאַר אַלטע איז ניט בלויז אַ פראַגע פאַר אַלטע. עס איז די פראגע פון דעם גרויסען פרעסטיזש פון ארבייטער רינג און זיינע גלאָררייכע טראַ־דיציעס.

דער ארבייטער רינג איז געווען און וועט אויך ווייטער בלייבן דער רויטער קרייז פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג.

אַלד אידוש האָום קאָמיטע.